**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/30/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערפאלג פון טשיילד-קעיר סטאבילידזירונג גרענט איניציאטיוו**

***ניו יארק סטעיט האט אויסגעטיילט 900 מיליאן דאלער צו באלד 15,000 טשיילד-קעיר פראוויידערס אין ערשט-פון-איר-סארטיגע איניציאטיוו אונטערצוהייבן דער טשיילד-קעיר אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן ניו יארק סטעיט׳ס ערפאלג אין אויסטיילן 900 מיליאן דאלער אין טשיילד-קעיר סטאבילידזירונג גרענטס צו טשיילד-קעיר פראגראמען איבער׳ן סטעיט. די גרענטס זענען א טייל פון א 2.3 ביליאן דאלערדיגע פעקל פון אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט׳ס טשיילד-קעיר אינדוסטריע פינאנצירט דורך דער פעדעראלע אמעריקען רעסקיו פלען און קאראנעווירוס אפרוף און פארלייכטערונג סופלעמענטאלע אלאקירונג אקט. דער אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (OCFS) האט אויסגעטיילט פינאנצירונג צו באלד 15,000 בארעכטיגטע טשיילד-קעיר פראוויידערס אין לויף פון פיר חדשים, פון אוגוסט ביז נאוועמבער.

״טשיילד-קעיר איז דער רוקנביין פון אונזער עקאנאמיע, און דער טראנספארמירנדע אינוועסטירונג איז קריטיש-וויכטיג צו בויען אונזער עקאנאמישע ערהוילונג,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די פינאנצירונג איז א לעבנס-מיטל פאר פראָוויידערס און העלפט פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט טשיילד-קעיר לענגאויס דעם סטעיט. איך בין שטאלץ פון אונזער ערפאלג אין זען אז די געלטער זאלן ארויסגיין צו די עסענשעל וואוּרקערס וועלכע טוען אויפפאסן אויף אונזערע יונגסטע קינדער.״

די געלטער ווערן אדמיניסטרירט דורך OCFS צו דעקן די קאסטן פון איינגעשטעלטע, רענט אדער מארטגעדזש, יוטיליטיס, אויפהאלטונג אדער פארבעסערונגען פון די איינריכטונגען, פערזענליכע שוץ קליידונג, געצייג נויטיג זיך אפצורופן צו קאוויד-19, פראדוקטן און סערוויסעס נויטיג אנצוהאלטן אדער צוריק אנהויבן טשיילד קעיר סערוויסעס, גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר קינדער און איינגעשטעלטע, געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונג פאר שטאב מיטגלידער, און נאך.

OCFS **קאמיסיאנערין שיעלע דזשעי. פול האט געזאגט,** ״איך לויב גאווערנער האקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו אינוועסטירן אין טשיילד-קעיר און שטיצן אן אינדוסטריע וואס שטיצט אלע אנדערע ביזנעסער. דאס איז א לאנג פארשפעטיגטע אנערקענונג פון דער גרונטליכע ראלע וואס טשיילד-קעיר שפילט אין אונזער עקאנאמיע. איך קוק ארויס צו אונזערע אנגעהאלטענע באמיאונגען צו צוריק אויפצופעפענען, צוריקצובויען און צוריק אויפלעבן טשיילד-קעיר אין ניו יארק סטעיט צו שטיצן יעדע ארבעטער פאמיליע וואס פארלאזט זיך אויף דעם.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״די פאנדעמיע האט פאראורזאכט אנגעשטרענגטקייט פאר צופיל פאמיליעס און מיר האבן א פליכט זיי צו באזארגן מיט די שטיצע און פארלייכטערונג אין וואס זיי נויטיגן זיך. איך בין שטאלץ צו האבן געברענגט די פינאנצירונג צו פארזיכערן הויכע-קוואליטעט טשיילד-קעיר אפציעס כדי אז ניו יארקערס קענען זיך אומקערן צום ארבעטסקראפט — ווייל גרעסערע צוטריט צו צוגענגליכע פאמיליע קעיר פארבעסערט עקאנאמישע תוצאות פאר יעדן.״

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** ״אונזערע קינדער מוזן בלייבן אין צענטער פון אלע ארבעט וואס מיר טוען און דער טשיילד-קעיר סטאבילייזירונג גרענטס זענען קריטיש-וויכטיג צו דעם וואוילזיין פון אונזערע קינדער און די וועלכע טוען אויפפאסן אויף זיי. איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט אומערמידליך אין קאנגרעס דורכצופירן דעם אמעריקען רעסקיו פלען, אן אינסטרומענטאלע קוואל פון פינאנצירונג פאר די גרענטס, דורכגעפירט און איינגעשריבן אלס געזעץ כדי צו פאסיג באזארגן פאר אונזערע קינדער און זייערע אויפפאסער. די געלטער וועלן באזארגן גייסטישער געזונטהייט שטיצע פאר קינדער און איינגעשטעלטע, געזונט און זיכערהייט טרענירונג פאר שטאב מיטגלידער, און וועלן העלפן דעקן די קאסטן פון איינריכטונג רענט, מאָרטגעדזש, אויסהאלט אויסגאבן, און פארבעסערונגען. מיר קענען זיך נישט מאכן אומוויסנד אז אונזערע קינדער ליידן צוליב דער פאנדעמיע און נויטיגן זיך אין שטיצע-מיטלען. די גרענטס זענען א קריטיש-וויכטיגע ערשטע טריט, און אין קאנגרעס טו איך קעמפן פאר נאך א קאָוויד -19 פעקל וואס שטעלט אונזערע קינדער אין צענטער און פארזיכערט זייער צוקונפט.״

OCFS איז דאנקבאר פאר אירע צוזאמענארבעטער לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלכע האבן ארויסגעהאלפן טשיילד-קעיר פראוויידערס אין זיך ווענדן פאר די גרענטס, און אריינגערעכנט OCFS-ארגאניזירטע אפליקאציע הילף פאר פּראָוויידערס איבער׳ן סטעיט דורך טשיילד-קעיר שטיצע-מיטלען און ייעוץ אגענטורן, דער ציווילע סערוויס איינגעשטעלטע אסאסיעשען, יונייטעד פעדערעישען פון טיטשערס, און פרויען׳ס האָוזינג און עקאנאמישע אנטוויקלונג קארפארעישען. די פריצייטיגע אויפפאסונג און לערנונג קאונסיל איז קאנטראקטירט געווארן צו העלפן קאארדינירן די עקסט-נויטיגע הילף איבער׳ן סטעיט.

טשיילד-קעיר פראוויידערס אין די 10 ראיאנען פון ניו יארק סטעיט זענען אויסגעטיילט געווארן די פאלגענדע סומעס אין סטאבילייזירונג גרענט פינאנצירונג:

| | |
|---|---|
| Capital Region | $31,222,838 |
| Central New York | 23,727,800 |
| Finger Lakes | 37,166,926 |
| Long Island | 118,922,360 |
| Mid-Hudson | 88,662,338 |
| Mohawk Valley | 11,837,200 |
| New York City | 519,816,612 |
| North Country | 12,864,900 |
| Southern Tier | 19,023,136 |
| Western New York | 37,547,618 |
| TOTAL | $900,791,728 |

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

UNSUBSCRIBE